בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

נח

ב' תשרי תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:21 |
| מוצש"ק | 6:36 |
| ר"ת | 7:09 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:52 | סוז"ת א' | 10:03 |
| סוזק"ש ב' | 9:38 | סוז"ת ב' | 10:33 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קנ"ז

שנה ד'

## טיב המערכת

### בִּטּוּל הָרָצוֹן

בסוף ימיו פון רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל, וועלכער האט אויפגעשטעלט דער "תנועת המוסר", איז ער געווארן זייער קראנק, און מען האט געברענגט א ספעציעלן דאקטער צו זיין בעט, כדי ער זאל באגלייטן דעם צדיק און נאכקוקן זיין צושטאנד די גאנצע צייט, און אויך פעסטשטעלן וועלכע מעדעצינען ער זאל נעמען. פון צייט צו צייט איז דער דאקטער געקומען וועלנדיג נאכקוקן דער צושטאנד פון רבי ישראל און צו זיכערמאכן אז די מעדעצינען טוען אויף, אדער צי עס פעלט אויס צו טוישן א טייל פון די מעדעצינען.

ביי איינס פון זיינע באזוכן, האט דער דאקטער אויסגעדרוקט זיין צופרידנקייט, ערקלערנדיג אז די מעדעצינען האבן אויפגעטון די ריכטיגע רעזולטאטן [תוצאות] און עס איז קענטליך אז דער מצב פונעם קראנקן האט זיך פארבעסערט.

ווען די שטוב מענטשן האבן מבשר געווען פאר רבי ישראל די ווערטער פונעם דאקטער, האט ער זיך אנגערופן ווי פאלגנד: בעסער געווארן אדער נישט בעסער געווארן, ביי מיר איז עס נישט קיין שום נפקא מינה, וויבאלד איך האב סיי-ווי נישט קיין אייגענער רצון, נאר דאס וואס דער אויבערשטער וויל דאס איז מיין רצון.

נאך אסאך ענדליכע דערציילונגען ווערט איבערגעזאגט איבער פילע גדולי הדורות, ווי מען האט געזען ביי זיי דעם בִּטּוּל הַיֵּשׁ, און זיי האבן גארנישט געוואלט אויסער דער רצון פונעם הייליגן באשעפער, און דעריבער האבן זיי נישט אנערקענט אין זייערע צרות אליך צרות, וויבאלד זיי האבן געוואוסט אז אויב דאס איז געשען צו זיי, איז עס א צייכן אז דאס איז דער רצון השי"ת.

און ווירקליך, אין אט די צדיקים באגערט השי"ת, אזוי ווי עס איז מרומז ביים סוף פון די פריערדיגע פרשה, ווי עס שטייט אין פסוק 'וְנֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי הַשֵּׁם', ווייל דער מענטש וואס איז לייכט און גרינג, דאס הייסט אז ער האט נישט קיין קפידא און האט נישט קיין פאראיבל אויף קיין שום זאך אין דער וועלט – אזא מענטש געפינט חן אין די אויגן פון השי"ת.

אבער, אזוי ווי אין יעדער זאך, איז דא אין דעם אסאך מדריגות, איבערהויפט אין דעם ענין פון בִּטּוּל הַיֵּשׁ, וואס דאס איז איינס פון די שווערסטע זאכן אין עבודת השם, און דער וואס איז מַרְבֶּה אין דעם איז נישט די זעלבע ווי דער וואס איז מְמַעֵט אין דעם. דעריבער איז דער פסוק ווייטער ממשיך און הייבט אן די פרשה פון די וואך מיט די ווערטער 'אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק', און דערמיט איז דער פסק מרמז אז אויב וועט דער מענטש זיין נאכמער 'נֹחַ', אויף אזוי ווייט אז מען קען זאגן אויף אים צוויי מאל 'נֹחַ', אזא מענטש גייט אריין אין כלל פון אַן 'אִישׁ צַדִּיק', נישט נאר געפינט ער חן אין די אויגן פונעם אויבערשטן, נאר ער איז אויך זוכה צו דער טיטל 'צַדִּיק'.

ווייל נישט נאר האט ער דערמיט די מעלה אז ער נעמט אן באהבה גמורה אלעס וואס פאסירט צו אים, נאר אויך זיין עבודת השם ווערט געטון בשלימות פארן אויבערשטן, וויבאלד ער האט נישט קיין שום רצון צו די וועלטליכע זאכן, און דורכדעם איז זיין עבודה ריין פון זייטיגע כוונות.

(עפ"י טיב התורה – נח)

## טיב הפרשה

# די חשיבות פון יעדע קליינע מצוה

### וירח ה' את ריח הניחוח

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר איבער די מבול וואס הקב"ה האט געברענגט אויף די וועלט.

דער פסוק דערציילט אונז אז נאך די מבול האט נח מקריב געווען א קרבן און אז הקב"ה האט געשמעקט די ריח הניחוח פון דעם קרבן און געזאגט אז וועגן דעם וועט ער נישט מער פארדארבן די ערד, און ווי עס איז דער לשון הפסוק וירח ה' את ריח הניחות, ויאמר ה' אל ליבו לא אסף לקלל עוד את האדמה בעבור האדם וגו' (ח, כא).

ווען מען איז זיך מתבונן אין דער פסוק זעט מען די כח פון אן איינצעלע מצוה, ווי גרויס זי איז און וויפיל קראפט די מצוה האט, אויך ווען עס רעדט זיך פון אן איינצעלע פעולה, ווי די פעולה פון נח'ס קרבן נאך די מבול.

אין יענע שעה, שטיינדיג נאך די מבול, איז די וועלט געווען הפקר, נח מיט זיינע קינדער זענען געווען די איינציגסטע מענטשן אויף די וועלט. אויסער זיי איז נישט געווען קיין שום אנדערע מענטשן אויף די וועלט און זיי האבן באשלאסן אז זיי גייען מקריב זיין א קרבן פאר הקב"ה און זיי האבן טאקע מקריב געווען א קרבן פאר הקב"ה, און גלייך האט הקב"ה געזאגט אז וועגן די איינצעלע קרבן וועט ער מער נישט ברענגען קיין מבול אויף די וועלט.

מען רעדט פון אן איינצעלע קרבן, און דאס האט געהאט אזא כח אז פאר דורי דורות נאך דעם וועט נישט זיין קיין מבול אויף די וועלט וועגן דער קרבן.

פון דער פסוק איז א לימוד ווי גרויס און ווי חשוב איין מצוה איז, און ווי אזוי איין מצוה קען מציל זיין די גאנצע וועלט אויף דורי דורות. דאס ברענגט אונז אריינצוטראכטן און צו שעצן א מצוה, אפילו אויב עס איז נאר איין מצוה.

דורכאויס דאס לעבן פון א מענטש טרעפט זיך מערערע מאל אז דער מענטש שטייט פאר א שיידוועג. פאר אים שטייט א מצוה, א קליינע מצוה, אדער א נסיון, און דער נסיון איז נישט דייקא א גרויסער נסיון, עס איז א קליינער נסיון, ווי זיך איינהאלטן פון קוקן אויף א זאך וואס מען טאר נישט, אדער זיך איינהאלטן פון ארויסרעדן א לשון הרע פון מויל.

ביי דער מענטש זעט עס אויס ווי א קליינינקייט, אז פון דעם קען שוין גאר נישט ארויסקומען, אז עס האט נישט קיין חשיבות.

אבער ווען מען לערנט די פסוק און מען זעט וואס איין מצוה האט אנגעמאכט און ווי אזוי טויזנטער יארן שפעטער געניסט נאך די וועלט פון איין מצוה, און אז בעצם די איינע מצוה האט מציל געווען די וועלט און אין איר זכות לעבט מען נאך ביזן היינטיגן טאג.

דער רבוש"ע האט אויסגעשטעלט די וועלט אז די תועלת פון א מצוה אדער דאגעגן פון אן עבירה איז אומזעבאר. מען זעט נישט

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

א

וואס טוט אויף אדער וואס מען מאכט קאליע מיט איין עבירה. די זאך איז פארהוילן פון אונז, די איינדרוק איז אז מען האט גארנישט געטון, אז מען טוט גארנישט אויף, אז מ׳מאכט גארנישט קאליע, אבער דאס איז א גרייזיגע בליק און אז מען זאל נישט לעבן אזוי וועט מען פון צייט צו צייט אויפדעקן די גרויסע כח פון א מצוה אדער פון אן עבירה, אז מען זאל וויסן און פארשטיין די גרויסע חשיבות פון די זאך.

די כח פון א מצוה איז סיי לגבי די גאנצע וועלט אז איין מצוה קען מציל זיין די וועלט, און עס איז סיי אזוי לגבי יעדן איינציגסטן מענטש אין די וועלט, אז אסאך מאל האט איין מצוה די כח מציל צו זיין דער מענטש און אים אריינברענגען תחת כנפי השכינה, אפילו אז מען רעדט פון איין מצוה.

אין חז״ל ווערט אראפגעברענגט עטליכע ביישפילן אין דעם הינזיכט ווי אזוי איין מצוה האט מציל געווען א מענטש פון באר שחת, און אפילו אז דער מענטש האט אפגעלעבט א זינדיגער לעבן האט די איינע מצוה איבערגעוואויגן און געברענגט דעם איד לחיי העולם הבא.

מען דערציילט אז אין די צייטן פון דער הייליגער רמ״א האט געוואוינט אין די שטאט קראקא א איד וואס האט שווער געארבעט א גאנצער וואך שלעפנדיג שווערע געפעק פאר מענטשן.

זיין שטייגער איז געווען אז יעדע וואך ווען ער האט געענדיגט שלעפן די שווערע געפעק, פלעגט ער זיך איינקויפן מעד און זיך אנ׳שיכור׳ן.

איין וואך, אהיימקומענדיג פון די שווערע הארוואניע און זייענדיג אויפ׳ן וועג צו קויפן די מעד איז ער אריבער די שטוב פון אן אלמנה. ביי די אלמנה אין שטוב האט געהערשט א גרויסע דחקות און אן עניות, עס איז נישט געווען אויף שבת צו מאכן.

די אלמנה האט גוט געקענט דעם איד. וויסנדיג אז ער גייט יעצט אויפ׳ן וועג זיך איינצוקויפן משקה האט זי געשריגן צו אים, אט גייסטו זיך אנטרינקען און איך האב גארנישט אין שטוב, מיין שטוב איז ליידיג אפילו קיין געלט צו קויפן ליכט אויף שבת האב איך נישט.

ווען דער איד האט עס דעהערט האט ער געכאפט א טרייסל. ער האט ארויסגענומען די גאנצע שווער פארדינטע געלט און עס געגעבן פאר די אלמנה.

אנקומענדיג אין שטוב אן די מעד האט ער זיך געלייגט שלאפן און יענע נאכט איז ער אוועק פון די וועלט.

נאך יענער נאכט איז זיין נשמה געקומען צו די רמ״א און אים געזאגט אז ער וויל גיין מיט אים אויף א דין תורה אין הימל. דער רמ״א האט זיך דערשראקן פון דעם, אבער שפעטער האט ער געטראכט אז דער מענטש איז דאך א פשוט׳ער מענטש, אז ער האט נישט וואס מורא צו האבן פון אים, ער האט זיך צוריק פארטיפט אין די גמרא.

א שטיק צייט איז אריבער. דער הייליגער רמ״א הייבט זיך אן מתבונן צו זיין ווי אזוי קען זיין אז דער איד איז אריינגעקומען צו אים אין שטוב, די שטוב איז דאך געווען פארשפארט. ער האט אנגעהויבן נאכגיין די זאך און איז געוואויר געווארן אז דער איד איז שוין נישט בעולם הזה.

דער רמ״א האט אים געפרעגט, וואס איז די טענה אויף אים בשמי מעל? דער איד האט דערציילט אז די אלמנה איז א גלגול פון אסתר המלכה און אז זי איז מגולגל געווארן אויף די וועלט, ווייל זי האט קיינמאל נישט געליטן קיין עניות, און אז די טענה אויף דער רמ״א איז געווען אז ער איז נישט מזכה קיין אידן מיט די מצוה פון צדקה.

דער איד האט דערציילט פאר דער רמ״א אז אין זכות פון די איינצעלע מצוה וואס ער האט געטון געבנדיג צדקה פאר די פרוי, האט ער זוכה געווען אז ער איז נתעלה געווארן זייער הויך.

די מעשה איז נאך א באוויז צו דער דערמאנטער יסוד איבער די כח פון איין מצוה, ווי שטארק עס איז, אז זי האט דער כח אויפצוהייבן א איד מעלה מעלה.

דאס דארף זיין א יסוד פאר אונז אז מען זאל קיינמאל נישט מזלזל זיין אין א מצוה, ווייל מען קען קיינמאל נישט וויסן די גרויסקייט פון א מצוה.

זאל הקב״ה געבן אז מיר זאלן זוכה זיין צו שעצן ריכטיג א מצוה און עס קענען מקיים זיין בשלימות אייביג.

טיב
ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן דורך ליינערס

# א בליק אויפ׳ן לעבן – השגחה פרטית אין יעדער זאך

פון די זאכן וואס דער פאלגענדער ׳מדור׳ אין די גליון האט צוגעגעבן אין מיין לעבן איז דער בליק אויפ׳ן לעבן צו וויסן אז אויף יעדע זאך - אויך א קליינע זאך איז דא השגחה פרטית, אז הקב״ה זארגט פאר יעדער זאך, אז דער איד זאל האבן וואס ער דארף אייביג, אין יעדע מצב.

איך וויל דא מיטטיילן ווי אזוי איך האב געזען די נקודה איינמאל און נאך אמאל.

די מעשה וואס כ׳גיי דא דערציילן איז טאקע א געשיכטע פון קלייניגקייטן, אבער עס געבט ארויס די נקודה אויף א שטארקער פארנעם.

מעשה שהיה אז זיך גרייטנדיג מקיים זיין די הייליגע מצוה פון נטילת לולב, אין די ימי סוכות, האב איך אריינגעשטעקט די הדסים אין דער קוישיקל.

אריינשטופנדיג די הדסים האט זיך אפגעריסן עטליכע בלעטער, און איך האב זיך דערזען ערב יום טוב אן קיין הדסים אויף יום טוב.

איך בין א יונגער יונגערמאן, איך צייל זיך נאך פון די יונגעלייט וואס ווען עס קומט א יום טוב ציען זיי זיך אריין צו די עלטערן. זעענדיג וואס עס האט פאסירט און גרייטנדיג זיך צו גיין צו מיין שווער האב איך געפרעגט מיין שווער צי ער ווייסט וואו מען קען נאך קויפן הדסים אין אזא שעה.

מיין שווער בארואיגט מיר, זאגנדיג אז די יאר האט ער זיך איינגעהאנדלט אן איבריגע סעט פון הדסים און איך קען עס נוצן רואיגערהייט.

״איך ווייס אליין נישט פארוואס עס איז מיר איינגעפאלן אזא זאך צוגיין נעמען נאך א סעט הדסים. עס איז אריין אזא מחשבה אין מיין קאפ, איך האב זיך איינגעהאנדלט אן איבריגע סעט, און יעצט קענסטו עס נוצן געזונטערהייט״.

אבער מיין מעשה איז נאכנישט פערטיג.

ווי געזאגט בין איך א יונגער יונגערמאן, די צווייטע האלב יום טוב בין איך געווען ביי מיין טאטע. אין איינס פון די חול המועד טעג איז מיינע הדסים געווארן טרוקן. נישט האבנדיג קיין הדסים האב איך א פרעג געגעבן מיין טאטע צי ער האט אפשר פאר מיר הדסים.

״יא, איך האב די יאר געקויפט אן איבריגע סעט הדסים, איך געב עס דיר״.

איך האב שוין געהאט צוויי געלעגנהייטן צו זען ווי אזוי הקב״ה סארטירט אלעס פאר מיר אבער דורכאויס די יום טוב האב איך געזען נאך און נאך השגחה פרטית, ווייל ווען מען לייגט צו קאפ צו די השגחה פרטית און מען לעבט מיר איר, זעט מען נאך און נאך פעלער ווי אזוי הקב״ה פירט דיר טריט און אויף שריט.

אין איין פאל האב איך זיך געלייגט שלאפן נאכמיטאג אין די סוכה, איך בין געווען מיד, אבער איך האב געהאט אפגעשמועסט צו לערנען מיט איינעם בחברותא אבער איך בין עס כמעט פארשלאפן.

אזוי שלאפנדיג האט פלוצלונג אנגעהויבן רעגענען, איך האב זיך אויפגעוועקט פון די שפריצעריי.

עס איז געווען א זיסע דערמאנונג אז מען דארף שוין גיין לערנען מיט די חברותא.

נאך א פאל איז געווען ווען א שטיקל סכך איז אראפגעפלויגן פון די סוכה, מיר האבן זיך געמוזט צוזאמענשטופן אין די סוכה. שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט אז ביי יענער שטיקל האט א שכן לעצטענס ארויסגעבויט א שטיקל שטיין און די שטיקל סוכה איז מלכתחילה נישט געווען כשר און אדאנק די אוועקגעפלויגענע סכך זענען מיר ניצול געווארן פון זיצן אין נישט א כשר׳ע סוכה.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: י.ש.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# דער הייליגער טשעבינער רב זצוק"ל

**לרגל דעם זעכציגסטן יארצייט פונעם גרויסן גאון און צדיק, שר התורה ותפארת הענוה, דער הייליגער טשעבינער רב זצוק"ל, וואס געפאלט דעם קומענדיגן שב"ק** (נלב"ע י' חשון תשכ"ו) **זענען מיר דא מיט א זאמלונג פון 'טיב המעשיות' וואס זענען געהערט געווארן פון מורינו ורבינו שליט"א אין פארשידענע געלעגנהייטן, איבערן בעל ההילולא, הגה"ק רבי דוב בעריש בן הרה"ק רבי יעקב זצוק"ל, בעל 'דובב מישרים', גאב"ד און ראש ישיבת 'טשעבין'.**

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

עס האט דערציילט הגאון **רבי שלום שוואַדראָן זצ"ל:**
איין טאג, ווען מען האט געענדיגט דאווענען שחרית כוותיקין אינעם צענטראלן בית המדרש אינעם **'שערי חסד'** געגנט, בין איך אריבערגעגאנגען צום וואוינונג פון דער **טשעבינער רב זצוק"ל** מיט א 'שאלה' אין לערנען וואס האט מיר זייער געשטערט, און וויבאלד דער גרויסער גאון איז געווען דער 'שר התורה' מרא דכולא תלמודא, און ווי באוואוסט איז **כָּל רָז לֹא אָנִיס לֵיהּ**, האב איך געטראכט אראפצולייגן מיין שאלה פאר אים.
ווען דער רב האט מיר געזען אינעווייניג, האט ער אויסגעדרוקט זיין וואונדער פארוואס איך בין יעצט געקומען, פרעגנדיג: ר' שלום! פארוואס ביסטו געקומען אזוי שפעט? ביסטו נאכנישט געגאנגען שלאפן?!
האט זיך רבי שלום צושמייכלט, און געענטפערט: איך האלט שוין יעצט נאכן דאווענען שחרית!...
עס האט גענומען א שטיק צייט, ביז רבי שלום האט געכאפט אז וויבאלד דער גאון איז געווען אזוי פארטיפט אין לערנען, וואס האט זיך שוין אנגעהויבן די פריערדיגע נאכט, אויף אזוי ווייט אז ער האט נישט באמערקט אז א גאנצער נאכט איז שוין דורכגעגאנגען... דער זון האט אויפגעשיינט, און א נייער טאג האט אויפגעשיינט!

-> ✦ <-

דער שטייגער פון הגאון המפורסם דער **טשעבינער רב זצוק"ל בעל "דובב מישרים"** איז געווען, אז ער האט געלערנט אלעמאל **ח"י פרקים משנית** יעדן טאג.
אין א געלעגנהייט האט ער אנטפלעקט פאר איינעם פון זיינע געטרייע מקורבים און תלמידים, דער טעם פארוואס ער פירט זיך אזוי. ער האט ערקלערט אז ער האט מורא טאמער ער וועט נפטר ווערן אום שבת, און ער וועט אזוי בלייבן ליגן ביז מוצאי שבת קודש, און דעריבער גרייט ער זיך אן פרקים משניות אויף אויסווייניג, כדי עס זאל זיין גרייט ביי אים אז ער זאל עס קענען לערנען אויף אויסנווייניג דורכאויס דעם גאנצן שבת, ווייל 'משנה' איז די זעלבע אותיות ווי 'נשמה'.
און אזוי איז טאקע געווען, אז דער גאון און צדיק איז נסתלק געווארן ערב שבת קודש, י' חשון תשכ"ו לפ"ק, און וויבאלד עס איז געווען נאנט צום הייליגן שבת איז ער געבליבן ליגן א גאנצן שבת, און זיין לוויה איז נאר פארגעקומען אום מוצאי שבת קודש!
ממש ענדליך צו דעם, האט זיך אויך צובליצט א רוח הקודש ביי הגאון המפורסם **מוהר"ד שלמה זלמן זצוק"ל בעל ה"תורת חסד", דער ראב"ד דק"ק לובלין,** וועלכער איז בסוף ימיו געווען מרא דארעא דישראל אין ירושלים עיה"ק. אויך ער האט זיך געפירט זיין גאנצן לעבן אז ער האט געלערנט יעדן טאג ח"י פרקים משניות בעל פה, כדי צו ענדיגן מדי חודש בחדשו די גאנצע ששה סדרי משנה, אזוי ווי דער מנהג פון אסאך ערליכע אידן.
און אזוי ווערט געברענגט אין די ווערטער פון דער וואס האט ארויסגעגעבן זיין הייליגן ספר **"תורת חסד"** אין חלק ב', וזה לשונו: "יוֹמָם וָלַיְלָה נָשָׂא וְנָתַן בְּתוֹרַת הַשֵּׁם תְּמִימָה בֶּאֱמוּנָה, שְׂפָתָיו הֵוּ מְרַחֲשָׁן יוֹם יוֹם ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת בַּעַל פֶּה, וּכְפַטִּישׁ יְפוֹצֵץ סֶלַע פֵּרֵשׁ וּבֵאֵר כָּל שִׁנּוּיֵי הַנֻּסְחָאוֹת וְהַגִּרְסָאוֹת, דָּבָר דִּבּוּר עַל אָפְנָיו, מִלְּבַד שִׁעוּרָיו בְּגפ"ת וּבְחָכְמַת הַקַּבָּלָה". ביז אהער ווערט געברענגט אין די הקדמה פונעם אויבנדערמאנטן ספר, וואס איז ערשינען אין ירושלים עיה"ק אין יאר תרס"ט לפ"ק.
אויך ער האט ערקלערט דער טעם דערצו, געבנדיג צו פארשטיין אז ער האט זיך איינגעפידט צו לערנען יעדן טאג אכצן פרקים משניות, דערפאר וואס ער האט מורא אז ער וועט אוועקגיין פון דער וועלט אום ערב שבת קודש, און מען וועט נישט קענען מאכן די לוויה גלייך צוליב דער כבוד פון שבת, און ער וועט אזוי בלייבן ליגן ביז נאך שבת. – און דערפאר גרייט ער זיך אן משניות אויף אויסנווייניג, כדי ער זאל קענען חזר'ן א גאנצן שבת אויף די משניות וואס ער האט געלערנט.

און ווירקליך, ווען עס איז געקומען דער טאג פון זיין פטירה, איז עס געווען פונקט אום ערבת שבת קודש, און עס האט דעמאלטס געזאגט הגאון מורינו **הרה"צ רבי שמואל סאלאנט זצוק"ל, ירושלים'ער רב** אז די מלאכי מעלה גייען ארויס צו מקבל פנים זיין דעם לובלינער רב. – און טאקע ממש דעמאלטס, אינדערצייט וואס די ווערטער זענען ארויסגעקומען פון זיין הייליג מויל, נצחו אראלים את המצוקים ויצאה נשמתו בטהרה, ליל שבת קודש ה' ניסן שנת תרס"ב לפ"ק.
און אזוי ווי ער האט מרגיש געווען זיין גאנצן לעבן, איז ער טאקע געבליבן ליגן אויף דער ערד א גאנצן שבת קודש פרשת תזריע ביז מוצאי שבת קודש, וואס דעמאלטס איז די לוויה אפגעראכטן געווארן בכבוד גדול, אזוי ווי עס פאסט פאר אזא געוואלדיגער גדול בישראל.
דער 'שומר' וועלכער האט געהיטן אויף אים דורכאויס דעם שבת איז געווען **הר"ד נחמיה חעשין זצ"ל,** און ער האט מעיד געווען אז מען האט געזען אויפן טלית אז זיינע הייליגע ליפן האבן זיך געשאקלט דורכאויס דעם גאנצן שבת.

-> ✦ <-

איינער פון די באקאנטע פון דער **טשעבינער רב זצוק"ל,** האט אים געשיקט אין פאסט א 'הזמנה' צו די חתונה פון זיין זון, אבער דער רב איז נישט געקומען צו די חתונה, וויבאלד ער האט נישט געהאט די מעגליכקייט זיך צו באטייליגן ביי אלע שמחות וואס ער האט באקומען לאדענונגען צו זיי.
ווען דער איד האט חתונה געמאכט זיין צווייטן זון, האט ער שוין נישט געשיקט קיין 'הזמנה' צום רב, טראכטנדיג אז דער רב וועט סיי-ווי נישט קומען זיך באטייליגן ביי די חתונה.
אבער עטליכע טעג שפעטער, ווען ער האט זיך באגעגנט מיטן רב, איז ער צוגעגאנגען בעטן א 'ברכה' לכבוד די שמחה, און דער רב האט זיך געוואונדערט: האסט חתונה געמאכט דיין זון? פארוואס האב איך נישט באקומען א הזמנה? הערנדיג די פראגע איז דער איד פארוואונדערט געווארן, וויבאלד דער רב קומט דאך סיי-ווי נישט צו יעדע שמחה, אזוי ווי ער האט געזען ביי די פריערדיגע חתונה – אויב אזוי וואס פעלט אויס צו שיקן א הזמנה?
איך וועל דיר ערקלערן – האט דער רב געזאגט צו אים – ערשטנס, אפילו אויב איך האב נישט די מעגליכקייט זיך אליין צו פאקטיש באטייליגן ביי די שמחה, אבער ווען א איד באקומט א הזמנה צו א שמחה, טוט ער דאך וואונטשן און בעטן הצלחה פאר די בעלי שמחה, און פאר אט די תפילה און ברכה לוינט זיך שוין צו שיקן א הזמנה!
אבער, נאכמער פון דעם – האט דער רב געזאגט – ביי מיר איז דא נאך א סיבה פארוואס מען זאל שיקן א הזמנה צו יעדע שמחה, דאס איז וויבאלד מיין מנהג איז, אז ביי יעדע הזמנה וואס איך באקום צו א שמחה, איז אויב קען איך נישט זיך משתתף זיין פאקטיש ביי די שמחה, מאך איך א חשבון, בערך וויפיל צייט עס וואלט געדויערט פאר מיר צו גיין דארט... – וויבאלד אין אמת'ן וויל איך זיך דאך באטייליגן ביי יעדן שמחה פון א איד, און אזוי וואלט געווען ריכטיג צו טון, נאר צוליב די פילע הזמנות איז דאס נישט מעגליך. – און דעריבער לייג איך אוועק די צייט פאר לימוד התורה! און יעדן נאכט וואס איך האב א הזמנה' צו א שמחה ביי וועלכע איך בין זיך נישט פאקטיש משתתף, בין איך מוסיף אויף מיינע קביעות'דיגע סדרי הלימוד, אזויפיל צייט ווי עס וואלט געדויערט זיך צו באטייליגן ביי די שמחה! – נאר יעצט וואס דו האסט מיר נישט געשיקט קיין 'הזמנה' צו דיין שמחה, האב איך דערלייגט די שעה פון לימוד התורה מיט התמדה און ליבשאפט!

-> ✦ <-

הגאון המפורסם שר התורה **גאב"ד טשעבין זצוק"ל, בעל 'דובב מישרים',** האט געוואוינט אינעם באוואוסטן **שערי חסד** געגנט אין ירושלים עיר הקודש. צווישן די פילע תלמידי חכמים וואס האבן זיך זייער אפט געפינען ביי אים, האט זיך אויך געציילט הרב הגאון **רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל,** און זיין ברודער הרב הגאון **רבי רפאל דוד זצ"ל,** די זין פון הגאון הצדיק **רבי חיים לייב אויערבאך זצ"ל** מייסד ישיבתנו הקדושה **'שער השמים'** לשם ולתפארת, וועלכע האבן געוואוינט בשכינות פון אים. זיי זענען געווען 'בני בית' ביי אים און זענען געווען זייער נאנט מיט אים, און זיי פלעגן ארויפגיין צוזאמען צו אים יעדן וואך מוצאי שבת אינדערצייט וואס ער האט זיך געזעצט צום סעודת **מלוה מלכא,** באקומענדיג פון אים הערליכע דברי תורה, און הערנדיג פון אים ליכטיגע מעשיות פון הייליגע צדיקים מצדיקי הדורות, וואס ער האט מקבל געווען.
זייענדיג ווי בני בית ביי אים, זענען זיי געווען גוט באקאנט אין זיין גרויסן אוצר הספרים, און האבן דארט געקענט פילע זעלטענע ספרים וואס ער האט פארמאגט. – עס איז אבער געווען א קליינע שאפע וואס איז געשטאנען אינעם ווינקל פון זיין צימער, וואס איז שטענדיג געווען פארשלאסן. דער שליסל פונעם שאפע איז אלעמאל געלעגן ביים רב, כדי מען זאל עס נישט קענען עפענען.
אין אט דעם שאפע האט דער רב געהאלטן זיינע באהאלטענע אוצרות, דארט זענען געלעגן כתבי-יד פון צדיקי הדורות, און נאך עטליכע ווערדפולע אנטיק איינצלהייטן. די ברידער זענען אלעמאל געווען זייער נייגעריג צו זען וואס עס ליגט דארט באהאלטן, אבער דער רב האט זיי יעדער מאל אפגעשטופט נאכאמאל און נאכאמאל.
נאר נאך זיין פטירה, ווען מען האט אריבערגענומען דעם ריזיגן אוצר הספרים צום גרויסן אוצר הספרים פון זיין ישיבה **"כוכב מיעקב"** טשעבין (און דארט געפינט זיך זיין אוצר הספרים ביז צום היינטיגן טאג), האבן די ברידער מיטגעהאלטן ווי מען עפנט אויף דעם געהיימניספולן שאפע, און פאר זייערע אויגן איז אנטפלעקט געווארן די טייערע באהאלטענע חפצים.
און הגאון רבי רפאל דוד האט דערציילט, אז אין איינע פון די קאנווערטן [מעטפות] וואס איז דארט געלעגן, האבן זיך געפינען עטליכע אלטע און אפגעריבענע בלעטער, געשריבן מיטן הייליגן האנטשריפט פונעם רב, און דארט איז געווען אפגעשריבן מיט א קליינעם און צוזאמגעשטופטן האנטשריפט, דעם גאנצן מחזור פון ראש השנה און יום הכיפורים! איבער ברוינע און מאדנע שטיקלעך פאפיר...
מען האט אויסגעטראפן,

המשך אין עמוד ד' >

>>> | טיב המעשיות | המשך פון עמוד ג' |

אז ווען דער רב איז געווען פארוואגלט אין די ווייטע **סיביר**, האט זיך אויך זיין שוועסטער געפינען אין א ווייטן ארט. אין איינס פון אירע בריוו צו אים, האט זי באצייכנט איר זארג דערויף וואס עס געפינט זיך נישט קיין שום 'מחזורים' אין דער פלאץ וואו זי געפינט זיך, און דעריבער ווייסט זי נישט וויאזוי זי וועט קענען דאווענען אין די הייליגע טעג הבאים עלינו לטובה!

דעריבער האט דער טשעבינער רב צוזאמגעקליבן עטליכע פאפירענע זעק פון צעמענט, וואס זענען דארט געווען אויסגעשפרייט און ציווארפן... און פון די אנדערע זייט האט דער רב אפגעשריבן דעם גאנצן סדר המחזור פון ראש השנה און יום כיפור,ווארט בייווארט, פון אויסנווייניג! און אלעס פון זיין געוואלדיגן זכרון! אריינגערעכנט אלע פיוטים און 'קליינע אותיות', ויהי לפלא!

-> • <-

איינער פון די נגידים וועלכער האט געשטימט די הייליגע ישיבת **'טשיבין'**, איז געווען א גרויסער עושר פון אמעריקע. יעדן מאל וואס ער פלעגט קומען אויף א באזוך צום הייליגן לאנד, איז ער אריבערגעקומען צום וואוינונג פונעם הייליגן טשעבינער רב, דער ראש הישיבה זצוק"ל, פלעגט ער איבערלאזן א שיינער סומע געלט צו אויפהאלטן די הייליגע ישיבה.

אין די לעצטע יארן פונעם גאון, האט מען אנגעהויבן בויען די פראכטפולע בנינים פאר די ישיבה אין ירושלים עיר הקודש ת"ו, ווען די געטרייע חברים פונעם 'קרן הבנין' האבן שווער געהארעוועט און זיך געפלאגט צו שאפן די ריזיגע סומעס געלט וואס האט אויסגעפעלט כדי צו ווייטערגייען מיטן בויען. – אין די זעלבע צייט איז דער אויבנדערמאנטער עושר געקומען קיין ארץ ישראל, און ווי זיין שטייגער האט ער געבעטן אז מען זאל מסדר זיין פאר אים א באזוך ביים ראש הישיבה אזוי ווי געווענליך.

איידער דער גביר איז אנגעקומען, זענען די מנהלי הישיבה און די חברי קרן הבנין אריינגעגאנגען צום רב, און אים געבעטן אז ער זאל דאסמאל בעטן דעם גביר אז ער זאל געבן א גרעסערע שטיצע, און דערביי וועלן זיי אראפלייגן פאר אים די פארשריט פון די נייע בנינים וואס ווערן געבויט פאר די ישיבה.

אבער צו זייער גרויסן וואונדער, האט דער רב נישט צוגעשטימט צו זייער פלאן, ערקלערנדיג אז ער וועט נישט קענען בעטן פונעם גביר צו געבן מער געלט ווי דער געווענליכער סומע וואס ער געבט יעדן יאר פאר די ישיבה. דערביי האט ער געגעבן צו פארשטיין, אז וויבאלד דער גביר איז איינער פון די גרויסע תומכי התורה אינעם היינטיגן דור, און ער האלט אויס פילע מוסדות התורה אין ארץ הקודש, דעריבער אויב וועט ער יעצט בעטן אז ער זאל געבן מער געלט פאר אונזער ישיבה הקדושה, וועט דאס מסתמא קומען אויפן חשבון פון אנדערע מוסדות התורה, וואס פאר זיי וועט ער געבן ווייניגער געלט... און דאס איז דאך נישט מעגליך, אז איך זאל נעמען א שטיצע אויפן חשבון פון אנדערע מוסדות התורה!

פון אט די מעשה לערנען מיר ארויס א געוואלדיגער מוסר השכל אין 'תיקון המידות', וויבאלד אסאך מאל הערט מען היינטיגע צייטן, אז אויפן גוטן אופן זאגט מען צום עושר אז די אנדערע מוסדות פארמאגן געלט גענוג און נאך... און אין אן ערגערע פאל טוט מען נאך באשמוצן די אנדערע, רח"ל! – אבער דא האט מען געזען אזעלכע לויטערע און לעכטיגע מידות, ווי דער רב האט זיך אזוי שטארק גערעכנט, און אזוי גוט אויסגע'חשבונ'ט יעדער זאך, אז קיין אנדערער זאל חלילה נישט ליידן וועגן אים ישמע חכם ויוסיף לקח.

-> • <-




עס האט דערציילט **הרב הגאון רבי יודל רבינוביץ זצ"ל, בעל ספרי 'כרם חמד'**, א תלמיד נאמן פון **הגאון מטשיבין זצוק"ל**, וועלכער איז געווען פון זיינע גאר נאנטע מקורבים און האט זוכה געווען אים צו משמש זיין בלימודה ושימושה של תורה, מיטהאלטנדיג פון דער נאנט אלע וועגן און פירונגען פונעם שר התורה והענוה.

אויסערדעם וואס רבי יודל האט אלעמאל נאכגעזאגט פאר זיינע תלמידים פון די הערליכע דברי תורה און וואונדערליכע גאונות פון זיין רבי, האט ער אויך אסאך דערציילט איבער אים. וויבאלד מיט די חכמה פון זיין הארץ האט ער באמערקט אויך איידעלע און באהאלטענע זאכן, וואס דער גאון און צדיק האט זייער שטארק פראבירט צו באהאלטן און פארהוילן מיט זיין באוואוסטע מידה פון ענוה.

איבער איינס פון אט די 'סודות' וואס רבי יודל האט אויפגעכאפט מיט זיין פיקחות, האט ער מיר אין א געלעגנהייט דערציילט ווי פאלגנד:

די וועגן וויאזוי דער הייליגער טשעבינער רב זי"ע האט זיך געפירט אין זיין לעבן, טראגן מיט זיך א 'תּוֹרָה שְׁלֵמָה', וויבאלד ער איז געווען געוואלדיג אויסגעאיידלט אין זיינע מידות, באקרוינט מיט די וואונדערליכע שיינע מידה פון ענוה, וועלכע איז דער שורש פון אלע מידות הטובות. יעדע פעולה, תנועה און דיבור וואס מען האט געזען ביי אים האט געטראגן מיט זיך א גאנצער לימוד פאר די תלמידים זעענדיג וויאזוי דער מושלמ'דיגער תלמיד חכם פירט זיך אויף מיט אזעלכע אויסגעארבעטע מידות, תורה מפוארה בכלי מפואר! – ער איז געווען דערביישפיל פון אן **'אָדָם הַיָּשָׁר'**, אויף וועמען דער פסוק איז מעיד (קהלת ז, כט): "אֲשֶׁר עָשָׂה הָאֱלֹקִים אֶת הָאָדָם יָשָׁר, וְהֵמָּה בִקְשׁוּ חִשְּׁבֹנוֹת רַבִּים"... די צדיקים האבן ווירקליך איגאנצן צונישט געמאכט די אלע חשבונות מיט וועלכע די מענטשן זענען צוטומלט געווארן, און האבן זיך פעסט אוועקגעשטעלט אויפן ריכטיגן וועג, אזוי ווי דער אויבערשטער האט זיי געמאכט.

וויבאלד רבי יודל איז געווען א משמש בקודש ביים רב אינדערהיים, האט ער צומאל זוכה געווען צו עסן מיט אים ביי זיין טיש. – דער רב זייענדיג זייער אן איידעלער מענטש, איז געווען זייער א 'ריינע', און דא האט ער באמערקט בשעת מען האט אוועקגעלייגט זיין טעלער פאר אים צום עסן, אז די לעפל איז נישט געווען גענוג ריין. וויבאלד ער האט אבער זייער אכטונג געגעבן חלילה נישט צו אנרירן דעם כבוד פון זיין געהויבענע רעבעצן די צדקנית ע"ה, האט ער איר נישט געוואלט בעטן אז מען זאל אויסוואשן דעם לעפל פאר אים, אויך האט ער נישט געוואלט בעטן אן אנדער לעפל, טאמער וועט די רעבעצן פארשעמט ווערן זעענדיג אז די לעפל וואס זי האט געלייגט פאר אים איז נישט געווען גענוג ריין.

דעריבער איז דער רב מיט זיין גאונות אויפגעקומען מיט גאר א פשוט'ע עצה דערצו. ער האט גענומען דעם לעפל אין האנט, כאילו ער וויל שוין אנהייבן צו עסן, און ווען קיינער האט נישט באמערקט (אויסער זיין געטרייער תלמיד ר' יודל...), האט ער צוביסלעך אריינגעשטופט דעם לעפל אין זיין ארבל, ביז עס איז פארשלינגען געווארן אין זיין ארבל און מען האט עס מער נישט געקענט זען... דעמאלטס איז דער רב איידעלערהייט אויפגעשטאנען, און איז פאר א מינוט געגאנגען אין קאך, אזוי ווי ער וויל נאר אביסל אפוואשן זיינע הענט... און אזוי אינמיטן וואשן די הענט, האט ער אביסל ארויסגעשלעפט דעם לעפל פון זיין ארבל, און עס גוט אפגעוואשן אונטערן קראן ביז עס איז געווארן ריין, און עס גלייך צוריק אריינגעשטופט אינעם ארבל, און איז געגאנגען צום האנטוך צו טרוקענען זיינע הענט.

דער רב איז שטילערהייט צוריקגעגאנגען צו זיין פלאץ, און אן צו באמערקט ווערן איז דער לעפל צוריק אריינגעפארן אין זיין האנט, און אט עסט ער מיטן לעפל אזוי ווי יעדן איינעם, אנדעם וואס די רעבעצן די צדקנית, וועלכע איז געזעצן צוזאמען מיט אים ביים טיש, זאל עפעס באמערקן!

**איבער זיין געוואלדיגע גאונות האט שוין יעדער געהערט! – אבער דא האבן מיר געלערנט א וואונדערליכער קאפיטל איבער זיין גאונות אין תיקון המידות!**




יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173